# אבותינו בולעטין

HFPJC · אבותינו
718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

## כסא דנחמתא

ברגשי צער ואנחה, הנני משתתפים עם כל המשפחה הכבודה הי"ו, בעת פטירת אמם
החשובה הצנועה והחסידה מרת **בת שבע** א"ח הרב החסיד מוה"ר **יצחק גוטמאן** זללה"ה
בת הרב החסיד מוה"ר **אהרן יואל ברוינשטיין** זללה"ה
ובזה נביע ברכת תנחומינו בראש וראשונה מול מע"כ ידידינו וידיד כל ב"י, הרב החסיד המופלג לשבח ולתהלה,
בכל מעלה ומדה נכונה, גריס באורייתא תדירא, ועטוף ביראה הטהורה, ה"נ מוה"ר **יעקב אלכסנדר** שליט"א,
ודעימי' אחיו הדגולים והחשובים כאו"א בשמו הטוב יבורך הי"ו
המנחם ירושלים הוא ינחמכם, ומעתה אל תוסיפו עוד לדאבה, ותזכו לחיי נחת ולהרחבת הדעת דקדושה
ואורך ימים ושנות חיים יוסיפו לכם מעתה ועד עולם עם נחת מכל יוצ"ח עדי נוושע בקרב בישועת עולמים בביגאו"צ בב"א.

## ברכת מזל טוב

ברגשי אהבה משגרים אנו בזה ברכת **מזל טוב** לידידינו הנאמנים
העוסקים לטובת אבותינו **הם וב"ב ומשפ' שיחי'** לרגל השמחה אשר
במעונם בשעטו"מ כאו"א בשמם הטוב יבורך ה"ה
ידידינו הנכבד הרבני הנגיד
מוה"ר **חיים קויפמאן** שליט"א
יו"ר של **בערבעשט, פעטנהאזע**
·
ידידינו הנכבד הרבני החשוב
מוה"ר **אברהם יצחק מערץ** שליט"א
יו"ר של **טשעטניק, מיטל-ווישעווע**
ויזכו כלם ביחד עם המשפחה והמחותנים שיחי' לראות
רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח


Sisov, Slovakia
May 7, 2019

## 10 שישא, סלאוואקיי

בראשות משפחת החשובה **לבית בויער** הי"ו
נכדי הרב החסיד מוה"ר **ישראל קאהן** זללה"ה
מעיר שישא סלאווקאי יצ"ו

אין צוגרייטונג צו די בוי-ארבעט איז דורכגעפירט געווארן א גרונטליכע מעסטונג און קלארע פארצייכענונג פון די גבולות פונעם ביה"ח.


Jasov, Slovakia
May 7, 2019

## 6 יאסוב, סלאוואקיי

בראשות הרה"ח הישיש מוה"ר ר' **מענדל ווייס** שליט"א
ובנו הרה"ח ר' **נטע** שליט"א | הרה"ג ר' **ישעי' אשר**
**אנטשיל ווייס** שליט"א | הרה"ג ר' **יעקב ווייס** שליט"א
משפחת הרה"ח ר' **אברהם שמואל טענענבוים** ז"ל

שטארקע פארשריט אין שטעלן די יסודות ארום די גבולי הביה"ח.
ארבעט אויפ'ן גדר גייט ווייטער אן מיט א שנעלקייט בס"ד.

## נסיעה אין אלמאשד, אונגארן

יו"ר וועד הפעולה:
הר"ר **שמואל שמעלקא קליין** הי"ו והר"ר **אברהם יושע קליין** הי"ו




Almosd, Hungary
May2, 2019

**לכבוד דער חשוב'ער מוסד 'אבותינו',**

מיר זענען געפארן לעצטנס אויף קברי אבות אין אונגארן. ביים ערשטן ביה"ח האבן די אייניקלעך, דורך אבותינו, איבערגעבויט דעם גדר, געשניטן די גראז אויפגעשטעלט די מצבות. דערנאך זענען מיר געפארן קיין אלמאשד צו מתפלל זיין ביי אונזער זיידן הג"ר אהרן שלמה כ"ץ זצ"ל. מיר זענען אנגעקומען אין שטאט צו דער גאס וואו אבותינו האט אונז געשיקט, אבער מיר האבן נישט געטראפן קיין שום זכר פון א אידישן ביה"ח, מיר האבן זייער לאנג ארומגעזוכט און ארומגעפרעגט, ביז מיר האבן געטראפן אן אלטן גוי וואס איז פונקט אריבער און ער האט אונז געפירט צו א זייטיגן וועג און געזאגט אז בערך דא דארף עס צו זיין, הגם ער ווייסט נישט פונקט וואו. מיר האבן אבער נאך אלץ נישט געטראפן קיין זכר פון א ביה"ח. בסייעתא דשמיא איז פונקט אריבער אויף דעם וועג אן אנדער גוי. ער האט געוואוסט וואו עס זענען דא אידישע שטיינער, ער האט אונז אריינגעפירט אויף א וועג צווישן ביימער ביז צו א פלאץ וואס איז ב"ה טאקע געווען דעם ביה"ח. מיר האבן זוכה געווען צו מתפלל זיין דארט במקום מנוחתו.

אבער ליידער האט דאס פלאץ אויסגעזען שרעקליך, וואס ווען נישט ער ווייזט אונז וואו דאס איז וואלטן מיר עס קיינמאל געטראפן. עס זעט אויס אז דעם פלאץ האט מען שוין נישט צוגערירט בערך 80 יאר, און מסתמא האט דאס שוין נישט געזען קיין צורה פון א איד שוין יארן לאנג. ב"ה גרייט מען אן יעצט די ארבעט פון אבותינו, און דא איז די פלאץ צו באדאנקען די חשוב'ע אייניקלעך פונעם וועד להצלת הביה"ח אויף זייער ארבעט צו שאפן געלט פאר דעם חשוב'ן צוועק אז דער ביה"ח זאל זיין אין א בכבוד'יגע מצב אזוי ווי עס פאסט לכבוד די זיידעס און אנדערע קדושים אינעם ביה"ח.

**בכבוד ובהערצה, משפחת כ"ץ**

**מדור מיוחד: בעד אלו גאונים וקדושים זי"ע אשר היארצייט חל בשבוע זו, ומנו"כ בהביה"ח שנבנו ע"י:** **ה' אייר:** רבי יעקב קאהל זצ"ל אב"ד **בילקאמין** •
רבי שמואל ב"ר משה יהודה לייב גינצלער זצ"ל **אויבער-ווישעווע** • **ז' אייר:** רבי יצחק ב"ר בנימין בונם (טארניגראד) זצ"ל אב"ד **בילקאמין** • רבי שרגא פייש ב"ר אשר אנשיל (מישקאלץ) ווינער זצ"ל אב"ד **גראסווארדיין** •
רבי מרדכי ב"ר מאיר (סעניץ) ברודא זצ"ל אב"ד **שוסבורג** • **י' אייר:** רבי הלל ב"ר ברוך בענדיט ליכטענשטיין זצ"ל אב"ד **קאלאמייא** • **י"א אייר:** רבי יצחק ב"ר יחיאל מיכל (זלאטשוב) **ראדוויל** זצ"ל •
**י"ב אייר:** רבי ישראל חיים זצ"ל אב"ד **טרענטשין**